„Radomer-Kielcer Leben" 46 [386] „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאָהרגאַנג [illegible] 25 [illegible]

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

[illegible]
Radom, dnia 27 LIST. 1931 r.
ראַדאָם, פרייטאג י"ז כסלו תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Żeromskiego 20

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען - פרייזן:
אין מיליטעטער שורה: טאַרף טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

---

דעם וו. פר. ה' **שלמה פישמאַן** דריקען מיר אויס אונזער מיטגעפיהל
צוליב'ן טוידט פון זיין ליבען פאַטער

## מנחם (מענדעל) ז"ל

דער ראַט און פערוואַלטונג
פון דער **קאָאָפּ. האַנדוו. באַנק.**
אין ראַדאָם

---

אונזער טיפעסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע חברים
פרנס **שלמה פישמאַן** און **יאַנקעל פישמאַן**
צוליב'ן טוידט פון זייער פאַטער

## מנחם (מענדעל) נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דער צעך פון **שניידער - מייסטער**
אין ראַדאָם

---

צו דער חתונה פון פרל.
**רוושע קאַץ** מיט ה' **איזאַק אייזערנער**
וואונשען מיר די עלטערען פיל נחת
און דעם יונגען פּאָרל א גליקליכען צוזאַמענלעבען

פערסאָנאַל פון דער פירמע **ק א ץ.**

---

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזערע מיטגלידער
די ה"ה **שלמה פישמאַן** און **יעקב פישמאַן**
צוליב'ן טוידט פון זייער אונפערגעסליכען פאַטער

## ר' משה מנחם נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

**חברה אהבת חברים**
אין ראַדאָם

---

## צו דער יודישער בעפעלקערונג

אין ראַדאָם

מאָרגען **שבת** דעם **28 נאָוועמבער 7 אז. אָוו.**
קומט פאַר
אין לאָקאַל פון דער גמינע, לובלינער 9

## א איסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג

**בכדי נישט לאָזען**

## ענטיודישען דאָס יודישע שפּיטאָל

אין אינטערעס פון דער יודישער בעפעלקערונג איז,
אז די פערזאַמלונג זאָל צאַהלרייך בעזוכט ווערען.

**קומט מאַסענווייז און פּינקטליך!**

**די קהלה-פערוואַלטונג**
אין ראַדאָם.

---

מיין בעסטען חבר און קאָלעגע, דעם פרנס **שלמה פישמאַן**
ווי אויך זיין ברודער **יאַנקעל פישמאַן**
צוליב'ן טוידט פון זייער ליבען פאַטער

## ר' מענדעל פישמאַן ז"ל

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל

**יעקב וויינגאַרט** מיט פאַמיליע

---

## וואַהרנונג.

דערמיט מאַך איך עפענטליך בעקאַנט אַלע ראַדאָמער סוחרים און האַנדעלטרייבער אז די וועקסלען וועלכע זענען אויסגעשטעלט דורך מיין פרוי מאַריא און זוהן מאַריאַן און אונטערגעשריבען מיט מיין נאָמען, וועל איך נישט רעגולירען. איך וואַרען די אַבנעמער אז די וועקסלען זענען נישט גילטיג און איך אַרעקען זיי נישט סיידען מיט א פריהערדיגען פערשטענדיגונג מיט מיר איידער זיי נעמען די וועקסלען

Marjan Branziewicz Radom Wysoka 48

# ראַטעוועט דאס יודישע שפּיטאַל!

שוין א לענגערע צייט ווי מיר אָ־ ליארמירן די יודישע בעפעלקערונג אין ראַדאָם וועגען דער געפאהר וואָס דראָהט דעם יודישען שפּיטאָל. דאָס געפאהר בעשטעהט דערין, וואָס מ'וויל נעמען א בנין, וואָס יעדער ציגעל איז פון יודיש געלד און עס ענטיודישען און איבערגעבען אין פרעמדע הענד. ס'וואָלט געווען דער גרעסטער פער־ ברעך די יודישע בעפעלקערונג זאָל דערצו דערלאָזען. די קהלה רופט אויף מאָרגען שבת-צו-נאַכט א אויסערגע־ וועהנליכע פערזאַמלונג פון דער גאנ־ צער שטאָדט בכדי אָנצונעמען מיטלען אָבצוראטעווען דאָס יודישע שפּיטאָל. יעדער ראַדאָמער יוד איז מחויב צו קומען אויף דער פערזאַמלונג און זיך אקטיוו בעטייליגען אין דער ראַזינער רעטונג'ס־אקציע.

ווי מען הערט וויל מען דאָס יודישע שפּיטאָל פערהאַנדלען אין א אָכראַנע. בלויז פאר אזעלכע קלאָנגען דאַרף יעדער ראַדאָמער יוד אויפציטערען. קיינער טאָר מעהר נישט בלייבען גלייכגילטיג. יעצט אין די ריכטיגע צייט מיר זאָלען איבערנעמען דאָס יו־ דישע שפּיטאָל אין אונזערע הענד, מ'טאָר נישט פערשפּעטיגען א טאָג.

א יודיש שפּיטאָל איז דאָס אויג אין קאָפּ פון דער יוד. בעפעלקערונג. קומט אַלזאָ מאַסענהייז מאָרגען אין דער קהלה אויף דער אויסערגעוועהנליכער וויכטיגער פערזאַמלונג.

קיינער טאָר נישט בלייבען אין דער היים.

8◎◎8

זעלשאַפט „עזרה" זאָל ווי אין די פרי־ הערדיגע יאָהרען אדורכפיהרען א קוי־ לען אקציע די היגע יודישע געזעלשאַפט וועט זיכער ווי מיר האָפען די „עזרה" ערמעגליכען מאָראליש און מאַטעריעל די אקציע אדורכצופיהרען.

אלענפאלס איז געוואונשען די פראגע און בריוך געוויס ווערען אמשנעלסטען בעהאנדעלט.

# דאַנסינג לטובת בית - יתומים

קומענדיגע וואָך, שבת - צו-נאַכט קומט פאָר א דאַנסינג אין פשיביש־ ניעווסקיס צוקערניע לטובת דעם בית־ תומים. צוליב דעם וויכטיגען צוועק פערדינט דער דאַנסינג צאָהלרייך בעזוכט צו ווערען פון אַלע קלאסען פון דער יודישר בעפעלקערונג.

# אין שווערע צייטען א געהעריגע שפּאָרזאַמקייט

די אַרבייטסלאָזיגקייט וואַקסט, די פערדינסטען ווערען קלענער. מיט וואָס וואָלט מען געקענט זיין נאָך שפּאָרזאַ־ מער? פרעגען פערזאָרגט א סך ווירטינס: וואָרום שפּאָרזאַמקייט אויפ'ן געהעריגען אָרט איז א שווערער אויפגאַבע און ס'וואָלט געווען למשל א טעות צו קוי־ פען די אזוי גערופענע פּעקאַנסע „פּי־ ליגע" זייפען בכדי זיך איינצושפּאָרן 20—30 גראָשען אויפ'ן קילאָ, בשעת מיט אָזא מין זייף, קאָן מען שאָדענען די וועש אין דער ווערט פון עטליכע הונדערט זל.

ס'איז דעריבער כדאי צו עמפּפעלען שטענדיג די אונגעפּאַקטע זייף „קאָלאָנ־ טאַי מיט'ן וואַש־ברעטעל" אלס בע־ ריהמטע אויסאַרבייטונג און נישט טייע־ רע. 2

# די בעסטע אויטא קאמוניקאַציע קיין ווארשא

די בעסטע אויטאָ־קאָמוניקאַציע קיין וואַרשא קאָן בלי ספק בעטראַכט ווערען די קאָלייקע־אויטאָבוסען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער גלענצענדע איינריכטונג, פּינקטליכקייט און טעכני־ שע בעקוועמליכקייט.

מיט'ן אָנקומען פון ווינטער זענען די אויטאָס גוט בעוואַרעמט און מ'פיהלט זיך אין זיי זעלטען גוט, אויף דער קאָלייקע. איז דאָך קיין רייד גישט, אז ס'איז געהייצט. אזוי ארום איז די ריי־ זע פון וואַרשא קיין ראַדאָם און צוריק באמת א פערגניגען פאר די פּאסאזשי־ רען, ווייל אויסער אַלע בקוועמליכקיי־ טען פיהלען זיי אבסאָלוט נישט קיין קעלט.

# וועגען קוילען אויף ווינטער פאר נויטבעדארפטיגע

די קוילען פראגע פאר דער אָרימער טייל בעפעלקערונג צו בעקומען אומזיסט איז זעהר אקטועל. ס'איז גע־ וועזען א האָפנונג אַז א ן צוזאמענהאנג מיט דער מלוכהשער אקציע צו העל־ פען ארבעטסלאָזע, וועט זיך איינגעבען אויך צו בעקומען קוילען בכלל פאר נויט בעדערפטיגע, פארלייסיג שטעלט זיך אוועק די פראגע גאנץ אנדערש. פון מאַיסאָג אָן פערטיילט שוין דער קאָמי־ טעט צו העלפען ארבייטסלאָזע קוילען אָבער נור רעגיסטרירטע און ארפייטס פערמיטלונג'ס ביורא און געניסען פון שטיצע פון זעלבען קאָמיטעט מיטאָגער אָדער ברויט; יודען אזעלכע געניסע־ דער איז דאָ בערך עטליכענע זעכציג פאמיליעס דאריבער בלייבט ווייטער יר איינציגע האָפנונג אַז די הילפס'גע־

D-r medycyny

**Anatol Fried**

akuszerja,
choroby kobiece i dróg moczowych
Żeromskiego 25 — telefon 26-91
**przyjmuje od 4 do 6**

**ŁASKAWE PANIE!!!**

Chcąc zaoszczędzić Sz. Paniom czekania sprowadziłem do mego

**salonu fryzjerskiego**

mieszczącego się

przy ul. Żeromskiego 29 I p.

**pierwszorzędnego**

FRYZJERA DAMSKIEGO z Warszawy

p. **Stanisława Wilczyka.**

Jednocześnie zaangażowałem

**MANICURZYSTKĘ z Warszawy.**

Polecając się łaskawym względom Sz. Pań pozostaję

z poważaniem

M. FUKS

**Uwaga:**
Przy salonie damskim uruchomiłem **salon męski.**

**CENY ZNIŻONE!**

Biuro Próśb,
Odwołań i windykacji p. f. „REKORD"
**RADOM, ul. Rwańska Nr. 21** I p.
**załatwia następujące sprawy:**
**Podania, skargi i opozycje** do sądów, do władz administracyjnych, wojskowych i do wszystkich urzędów państwowych i komunalnych,
**Odwołania** do urzędów i izb skarbowych, wszelkiego rodzaju umowy i kontrakty, patenty, jak również sprawy paszportowe;
**Windykację** należności otwartych i za protestowanych weksli zarówno miejscowe, jak i z całej Polski.
**Korespondencję** handlową w języku polskim i w obcych językach.
Zakłada buchalterję i sporządza bilanse.
Przepisuje na maszynach wszelkie dokumenty.

*Kino* **„Corso"** *Rewja*

ווערט דעמאָנסטרירט דאָס בעריהמטע
בילד וואס שילדערט אונז דאָס
לעבען אין די קוילען גראָבען
— א. נ. —
Niewolnicy
Życia

**Na Scenie**
**REWJA**
*10-ciu z Pawiaka*
מיט'ן אנטהייל פון גאנצען אנסאמבל




**בעקאנטמאכונג.**

די געזעלשאפט „לינת הצדק" מאכט בעקאנט די ראדאמער יודישער בעפעלקערונג, אז זונטאג דעם 6 דעצעמבער (גרודזיען) ל. י. ב. חנוכה 6 אזייגער אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל (רווינסקא 1)

**די ציהונג פון דער פאנטעז=לאטעריע**

איינגעארדנעט דורך דער א. ד. געזעל.

דערביי ווערט געמאלדען, אז די, וועלכע ווילען געניסען פון דער לאטעריע און האבען נאך נישט איינגעצאהלט פאר די בילעטען, אז זיי מוזען פאר אזעלכע איינצאהלען אין לאקאל פון דער געזעלשאפט שפעטסטענס ביז'ן 3 גרודזיען. אין געגענפאל וועלען זייערע בילעטען אנולירט ווערען.

גלייכצייטיג ווערט געמאלדען, אז דער טערמין פון דער ציהונג איז שוין א ענטגילטיגער.

מיט כבוד

פערוו. „לינת=הצדק" ראדאם.

Gabinet kosmetyczny

**F. GOLSZTAJNÓWNY**

**zostal otwarty**

Wszelkie zabiegi

wchodzące w zakres racjonalnej kosmetyki.

**PIŁSUDSKIEGO 13 m. 6.**

**א כ ט ו נ ג ! ! !**

די נייעסטע — פאסאנען **מ ע ב ע ל** פון פאלגענדע מאטעריאלען:

ווענגערסקע יעשאן, זלאנא בושאזע, פיראמידען, זשעברא, מאכאן און יעשאן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאס אלעס ווערט אויס= געפערטיגט ביי דער **פירמע קליין, זשעראמסקי 26**

איך מאך בעקאנט אז איך געה אהיים צו קינדער, לערנען עברי, דאווענען און פערטייטשען, איך לערען שרייבען יודיש און חומש.

איך האלט א שוועסטער, א אלמנה מיט צוויי קינדער. די וואס וועלען לערנען ביי מיר זייערע קינדער וועלען האבען א נוצען און גלייכצייטיג מקיים זיין א גרויסע מצוה.

——— מיין אדרעס איז. ———

אין געוועלב פון ישראל צוקער.

**ווארשאווסקא 17.**




**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927r.**

General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE

ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" טעאטער

**שבת דעם 28 נאוועמבער 8[30] אוונט.**

איין איינציגער גאסטשפיל פון בעריהמטען קינסטלער

**א ב ר ה ם**

**מארעווסקי**

——— מיט'ן אנטייל פון: ———

**געניא שליט, דניאל שאפירא,**

רבקה גאמזערסקא, ג. וויינשטאק א. ליבערמאן

——— ס'ווערט געשפילט ———

**ר ב י ד ר. ז י ל ב ע ר**

דראמע אין 4 אקטען פון **שלום אש.**

רעזשיסירט: דר. מ. ווייכערט — א. מארעווסקי.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון טעאטער.

**Kino Dzwiękowe „NOWE CZARY"**

— — — גאנגט דאס בילד — — —

**Buster na froncie**

אין די הויפט ראל פון בעריהמטען קאמיק

BUSTER KEATON

הערליכע קלאנג ראדאסקאס